שנה ג'
נומער ק"ב
פרשת וישלח
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א



**תלמוד תורה קרית ברסלב**
**באזוכט פארקאש**
**טליתים פאבריק**

## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט"א

### ווער נישט צופאלן

טייערער ליבער חבר: אחי, חזק ואחוז עצמך! ברודער שטארק זיך און ווער נישט צעפאלן; קום אין שול דאווענען דריי מאל א טאג, אפילו דו ביסט צעבראכן אויף שטיקלעך, און עפען אויף א גמרא יעדן טאג, אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט; פאלג דעם הייליגן רבי'ן, וואס נאר ער קען אונז העלפן און נאר ער פארשטייט אונז.

(עצתו אמונה כי תצא תשע"ו)

## זמנים Liberty

פרשת וישלח תשפ"ב
ט"ז כסלו

הדלקת הנרות ........... 04:16
מוצאי שבת .............. 05:46

מנחה מעריב פאר פרשת וישב............... 05:25

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע שטאב
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכענטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691

subscribe@kerenhadfusa.org

**אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1169

breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**

212.444.9169

BRESLEVCENTER.COM

# בריוו צו די רעדאקציע

## ״א סעודה מיטן ראש ישיבה״ אפטיילונג

לכבוד די חשוב׳ע מערכת קרית ברסלב בלעטל.

איך האב נישט קיין ווערטער אייך צו מסביר זיין וואס איר טוט מיט מיין שטוב, מיר ווארטן א גאנצע וואך ווען עס קומט שוין ארויס די פרישע בלעטל, מיר זענען זיך מחי׳ מיט יעדע פינטל פון די בלעטל, עס איז מלא תוכן און מלא טעם, אנגעפולט מיט שכל פון הייליגן רבי׳ן.

ספעציעל האב איך הנאה פון די נייע ארטיקל ״א שבת טיש מיט׳ן ראש ישיבה״, איך הער אלץ די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט״א פון מאכן שיינע סעודות מיט די ווייב און קינדער, אבער ווען עס קומט אויף למעשה ווייס איך נישט ווי אזוי דאס צו מאכן, יעצט ווען איך ליין וואס טוט זיךביים ראש ישיבה׳ס שבת טיש העלפט עס מיר זייער ארויס, איך זאל וויסן אויף למעשה וויאזוי א שבת טיש דארף אויסזעהן.

א גרויסן שכח פאר אייער ארבעט. מיט דאנק

ה.מ.

## מיינע קינדער ווארטן אויף דעם א גאנצע וואך

לכבוד די מערכת.

איך האב נישט אויפגעכאפט ווי שטארק מיין משפחה ווארט שוין אויפן בלעטל יעדע וואך.

איך האב באקומען דעם קרית ברסלב בלעטל פון ר׳ יעקב משה אינדארסקי נ״י אין בית המדרש אין שטעטל אזוי ווי אלע וואכן, למעשה ווען איך בין אהיים געקומען האב איך עס פארגעסן אין מיין קאר.

איך קום אהיים און מיין טאכטער פרעגט מיר: ״טאטי וואו איז די בלעטל, האסט עס נישט אהיים געברענגט? איך ווארט שוין אויף דעם א גאנצע וואך?

איך בין שנעל געלאפן צו מיין קאר און עס אהין געגעבן פאר מיין טאכטער, זי זאל עס קענען ליינען און זיך מחיה זיין מיט די שיינע שכל און עצות פון הייליגן רבי׳ן וואס שטייט אזוי שיין ארויסגעברענגט אין דעם בלעטל, נאר געפאקט אויף א וועג פון א אויסגאבע.

א גרויסן שכח פארן מאכן שענער און בעסער דעם בלעטל יעדע וואך.

מאטי היימליך





מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**אברהם הערש וועבערמאן הי״ו**
**וזוגתו לאה שעניא תחי׳**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט






# מעשיות פון תפילה

## יעקב משה אינדארסקי:

דער ראש ישיבה איז געווען אין שטעטל שבת פרשת חיי שרה. מוצאי שבת ביים פארלערנען דעם דף גמרא, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז א שול מוז האבן א סעט ש"ס וואס האט אין זיך די פירוש פון הייליג'ן מהרש"א, און די שטעטל שול האט נאכנישט געהאט אזא סעט.

פון ווען דער ראש ישיבה האט עס געזאגט, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל האבן אין בית המדרש א ש"ס מיט מהרש"א, וויל עס קאסט כמעט טויזנט דאלער צו קויפן.

שכח אייבערשטער! נאך אסאך תפילות האט מען געשאפן אפאר נדבנים און מען האט געקענט קויפן די סעט ש"ס אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געבעטן.

## לייבי ראטה:

איין טאג האב איך געדארפט ערגעץ אנקומען זייער וויכטיג, איך האב מיך זייער געיאגט און פרובירט נישט צו פארלעצן קיין דרייוון געזעצן, אבער זייענדיג פארטון אין מיינע מחשבות האב איך נישט באמערקט אז איך בין דורך געפארן א רויט לייט.

דער אייבערשטער האט געפירט אז א פאליציאנט איז פונקט דארט געשטאנען און געווארט איינעם אפצושטעלן צו קענען געבן א טיקעט, ער האט מיר אפגעשטעלט און געבעטן מיינע פאפירן, ער איז צוריק אריין אין זיין קאר צו פארשרייבן א טיקעט.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט באקומען קיין פוינטס אויף מיין לייסענס און ס'זאל נישט זיין קיין טייערע טיקעט.

שכח אייבערשטער, דער פאליס מאן איז צוריק געקומען מיט די טיקעט, איך געב א קוק זע איך אז ער האט מיר נאר פארשריבן א קליינע שטראף און נישט קיין פוינטס אדער אסאך געלט.

שכח אייבערשטער פאר די נס!

## הערשל בוים:

ברוך השם די קאלטע וועטערס האבן זיך שוין אנגעהויבן דא אין שטעטל. ערב שבת ויצא האב איך געשפירט אין מיין האלז אביסל קראצענישן אזוי ווי מען שפירט פאר מען ווערט פארקילט, איך האב נישט געהאט קיין חשק זיך נישט גוט צו שפירן יעצט, בפרט שבת זיין פארקילט איז זייער נישט געשמאק.

נו, וואס טוט א ברסלב'ער חסיד ווען ער ד א ר ף עפעס? תפילה איז דער ענטפער! האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט פארקילט ווערן און דארפן גיין צום דאקטער.

שכח אייבערשטער! שבת צופרי איז שוין נישט געווען קיין זכר פון קיין קראצענישן אין האלז.

## משפחת קעניג - צפת:

איין טאג האט זיך אונזער טאכטער געשפילט אין גאס אויף א סווינ"ג (הוידע) אינמיטן שפילן איז זי אראפגעפאלן פונעם סווינ"ג און זיך צובראכן די עלענבויגן רחמנא לצלן.

מיר האבן געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס צו טון, צו מ'זאל גיין אין שפיטאל און אויב יא צו וועלכע. דער ראש ישיבה האט אונז געזאגט צו וועלכע דאקטער צו גיין, מיר זענען געגאנגען צום דאקטער, און די דאקטער האט געזאגט אז מ'וועט דארפן אפערירן די האנט וואס איז צובראכן געווארן.

פאר די אפעראציע האבן די דאקטוירים געזאגט אז זיי וועלן פרובירן אריינצולייגן ספעציעלע אייזענעס אין די האנט, וואס דאס וועט מאכן גרינגער פאר די אפעראציע, און אויב עס וועט זיך נישט אויסארבעטן וועט מען דארפן שניידן און מאכן א גרויסע אפעראציע, אויך האבן זיי צוגעלייגט אז די אפעראציע וועט נעמען צוויי, מערסטנס דריי שעה.

די גאנצע משפחה האט זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל נישט דארפן שטארק אפערירן, און די ערשטע אפעראציע זאל זיך אויסארבעטן. אויך האבן מיר צוגעזאגט אז מיר וועלן אריינלייגן די מעשה פון תפילה אין 'קרית ברסלב בלעטל'. שכח אייבערשטער אז נאך א קארגע שעה האט מען אונז שוין גערופן זאגן אז די אפעראציע איז אריבער בשלום!

שפעטער האבן מיר געכאפט אז מען קען אריינלייגן א מעשה פון תפילה אינעם בלעטל נאר אויב מען וואוינט אין שטעטל, למעשה האט מען פונקט יענע וואך געשריבן אינעם בלעטל אז "סיי וואו מען וואוינט קען מען איבערלאזן א מעשה פון תפילה", האבן מיר זיך זייער געפריידט אז די מעשה פון תפילה וועט יא קענען אריינגיין אינעם שיינעם ברסלב'ע אויסגאבע.

שכח אייבערשטער.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# שטעטל נייעס

## כיתה ט׳ קרית ברסלב באזוכט כיתה ט׳ פון וויליאמסבורג



פארגאנגענעם מיטוואך פרשת ויצא האט זיך כיתה ט׳ פון קרית ברסלב, צוזאמען מיט זייער חשובער מלמד הר״ר יעקב משה אינדארסקי שליט״א, ארויסגעלאזט אויף א נסיעה צו כיתה ט׳ וויליאמסבורג, צו פראווען סיומים פון אפאר קינדער, וואס האבן זוכה געווען צו ענדיגן א מסכתא.

מען האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט״א איז זיך געקומען באטייליגן ביים גרויסארטיגן סיום, און זיך גאר שטארק מיטגעפריידט מיט די שמחה פון די חשובע קינדער וואס האבן מסיים געווען א מסכתא, וואס דאס איז א זאך וואס מען נעמט מיט אויף יענע וועלט.

ביים סיום האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט אז א אינגל זאגט אים אז ער האט קשיות אויף די אמונה, האב איך אים געפרעגט: וואס אטעמסטו? וויאזוי זעהט אויס לופט? אפשר ווייזטו מיר וויאזוי לופט זעהט אויס? גיי צו א מענטש און לייג דיין הענט אויף זיין מויל, ער וועט נישט קענען אטעמען, דעמאלטס וועט ער שוין גאר גוט וויסן אז עס איז דא אזא זאך ווי לופט.

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: לופט איז אייבערשטער, אטעם אריין ועסטו שוין וויסן אויב עס איז א באשעפער אויף די וועלט. איינמאל איז א בחור געקומען צו מוהרא״ש זי״ע אז מוהרא״ש זאל אים אויפווייזן אז ס׳איז דא א באשעפער. זאגט אים מוהרא״ש: שטעל דיך אויף, און יעצט זעץ דיך אראפ, הייב אויף דיין רעכטע האנט, יעצט הייב אויף דיין לינקע האנט. ווער בייגט זיך אין דיר? ווער רירט זיך אין דיר? ״דער אייבערשטער״.

דער אייבערשטער זאל העלפן עטץ זאלטס ווייטער מצליח זיין, און זעהט צו פאלגן ענקער רבי׳.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: איינמאל א וואך וועט די כיתה ט׳ פון שטעטל קומען אהער, און איינמאל א וואך זאלן די קינדער פון דאהי גיין באזוכן די תלמוד תורה פון שטעטל. יעצט עפענט מען א מצה בעקעריי אין שטעטל, האט מען שוין וואו ארויסצוגיין מיט די קינדער, מען וועט פארן א טריפ צו די שטעטל מצה בעקעריי, און זיי ווייזן וויאזוי מען באקט מצות פאר יום טוב פסח.

## דער ראש ישיבה שליט״א באזוכט אין תלמוד תורה קרית ברסלב



פארגאנגענעם דאנערשטאג תולדות איז דער ראש ישיבה שליט״א געקומען אויף א באזוך זיך אומצוקוקן און שעפן נחת פונעם הערליכן שטעטל.

דער ראש ישיבה שליט״א איז אריין אין כיתה ד׳ צום חשובן מלמד הר״ר הערשל שניטצלער שליט״א, בשעת דער מלמד איז געזיצן און געלערנט מיט די קינדער, און זיי געפרעגט א קשיא פון די גמרא, און געבעטן מען זאל צוריקקומען מיט אן ענטפער, און דערנאך געטיילט פאר זיי שיינע מתנות, צוליב דעם וואס ער הערט פונעם מלמד גאר גוטע גריסן אויף זיי.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט״א באזוכט ביי כיתה ט׳ און דערנאך געגאנגען מיט זיי באזוכן דעם נייעם בנין וואס מען האט אפגעקויפט פאר די תלמוד תורה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט״א אריבער צו בית פיגא סקול און געגעבן הדרכה פאר די תלמידות וויאזוי מען דארף לעבן מיט אמונה שטענדיג, זינגען צו זיך ניגוני אמונה, ״דער אייבערשטער היט מיר, איך האב גארנישט מורא ווייל דער אייבערשטער היט מיר״. אז מען זינגט דאס פאלט אוועק אלע פחדים.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה שליט״א אפגעשטאט א באזוך אינעם בנין פונעם מצה בעקעריי, און געגעבן הדרכה וויאזוי עס צו בויען ס׳זאל זיין אויסגעהאלטן לויט אלע חומרות והידורים וואס מען דארף האבן לכבוד פסח.

היכל הקודש

# נייעס

היכל הקודש ירושלים

## בית המדרש היכל הקודש ירושלים הערליך רענאווירט



בית המדרש היכל הקודש אין ירושלים איז פלאצירט אין צענטער פון די היימישע מאה שערים געגענט, נעבן דעם באקאנטן "ככר השבת" גאס אויף רחוב רבי נחמן מברסלב 15, ווי אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם ביי יעדן געלעגנהייט, שבתים ימים טובים, שיעורים, און מען איז זיך מחיה און מחזק מיט די דיבורים פון הייליגן רבין און מוהרא"ש, און מען לעבט מיט די הייליגע עצות לעבודה ולמעשה.

אויך איז דער בית המדרש א גרויסע צענטער-פונקט פון מפיצים פון גאנץ ארץ ישראל. אנשי שלומינו אין ירושלים עיה"ק צייכענען זיך אויס מיט זייער הפצה במסירות נפש, טאג און נאכט ווירבלט זיך ארום הפצה, מען טראכט אלע וועגן וואס נאך מען קען טוהן אין פעלד פון הפצה, און דערנאך ווערן די פרישע מקורבים גאנץ שנעל אליינס גרויסע מפיצים, און זענען זוכה איבערצוגעבן דעם געשמאקן לעבן מיט די עצות פון הייליגן רבין פאר נאך אידן פון זייער גאנצע אומגעגענט.

היינט צו טאגס האט זיך שוין פארשפרייט די פעולות ההפצה פון ירושלים אויף אלע היימישע שטעט איבער די לענג און ברייט פון ארץ ישראל, ווי מען שיקט ארויס די גליונות אהין יעדע וואך פון ירושלים, און מען דרוקט עס איבער אין די פילע הדפסה צענטערן אין אלע שטעט ווי ערליכע אידן וואוינען, און ווערט צוכאפט דורך אלעמען יעדע וואך.

דער בית המדרש אין ירושלים גייט שוין אן פאר איבער א יאר צום גוטן ברוך השם, און עס האט שטארק נויטיג אויסגעפעלט א גוטע איבערפרישונג. אין די לעצטע וואכן האבן אנשי שלומינו אין ירושלים וועקגעגעבן אסאך צייט און כח, און מען האט איבערגעמאכט דעם גאנצן בית המדרש לשם ולתפארת. און געלויבט דעם אייבערשטן אז נאך אן ארבעט פון עטליכע וואכן, האט מען יעצט געענדיגט הערליך רענאווירן דעם גרויסן בית המדרש היכל הקודש אין ירושלים עיר הקודש.

מען האט שטארק פארברייטערט די הפצה ווינקל, פון וואו עס ווערט פארשפרייט פילע טויזנטער ספרים, קונטרסים, סידים וכו' פאר די פילע דורשים ומבקשים.

אין די טעג איז אנגעקומען א פרישע שיפמענט פון סעטס ליקוטי הלכות פאר גאר א ביליגן פרייז, כל הקודם זכה, כאפט אייך אריבער אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים און האנדלט אייך איין א סעט ליקוטי הלכות.

אזוי אויך איז נאך געבליבן געציילטע סעטס פונעם הייליגן ספר "קדושת ישראל" וואס ווי באריכטעט איז עס פריש איבערגעדריקט געווארן אויף א הערליכן פארנעם פון אינעוויניג און פון אינדרויסן, קויפט ווילאנג ס'איז נאך דא.

א אינגערמאן פון אנשי שלומינו פון אמעריקע האט זיך אריבערגעכאפט אין די טעג אויף א נסיעה צו ארץ ישראל און מיטגענומען הונדערטער דיסקים פון די בית פיגא שפיל "דער בערגער און דער ארימאן", פון וואס אנשי שלומינו אין ירושלים האבן זיך ממש מחיה געווען, עס איז נאך געבליבן געציילטע דיסקים קומטס און קויפט ווילאנג ס'איז נאך דא.

אויך האט דער אינגערמאן מיטגעברענגט בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א ספעציעל געשריבן פאר אנשי שלומינו אין ארץ ישראל פון וואס די אינגלייט האבן ממש אויפגעלעבט פון דעם, און זיך שיין באדאנקט פאר דעם אינגערמאן פארן זיין די גוטע שליח עס צו ברענגן צו אנשי שלומינו אין ארץ ישראל.

אין די יעצטיגע טעג מען האט פריש איבערגעפארבט די ווענט, מען האט געלייגט א נייעם דאך, מען האט אינסטאלירט שיינע לעכטיגע לייטס, און מען האט ארויפגעזעצט א שיינע "ברסלב" קרוין אין צענטער פון מזרח וואנט העכערן ארון הקודש.

אזוי אויך האט מען אויפגענייט הערליכע ווייסע שבת'דיגע טישטיכער פאר אלע טישן אין בית המדרש, און אויף יעדן טישטיך הערליך ארויפגענייט א "ברסלב'ער קרוין". (זעהט ביי בילדער אפטיילונג)

**כי מציון תצא תורה, ודבר ה' מירושלים.**

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן דִי סָארְט זַאכְן פַאר הַפָּצָה; וָואס פֶעלְט אוֹיס זִיךְ צוּ רֵייצְן וְכוּ׳? אוּנְזֶער וֶועג פוּן הַפָּצָה אִיז מִיַּד לְיַד בְּאוֹפֶן צָנוּעַ; אֵיידֶעלֶערְהֵייט גֵּיין פוּן מֶענְטְשׁ צוּ מֶענְטְשׁ **אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת, סִידִים** וְכַדוֹמֶה, שְׁטִילֶערְהֵייט לֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ אֵייעֶר; בִּיז דֶערְוַוייל וֶועלְן אַלֶע מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע חֲסִידִים, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תרג) דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל וָואס לֵייגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵייעֶר, דִי פֵייגְל לֵייגְט אַזוֹיפִיל אֵייעֶר אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר דִי פֵייגְל זִי זָאל קֶענֶען זִיצְן אוֹיף אַלֶע אֵייעֶר אוֹיף אֵיינְמָאל אוּן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם פֵייגְל אַ טֶבַע אַז זִי שְׁווִינְדְלְט אַרַיין אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן. דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן כַאפְּן נִישְׁט, זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט פוּן דִי שְׁפִּיל, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן זִיצְן אוֹיף דִי אֵייעֶר בִּיז עֶס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, אַזוֹי טוּט דִי פֵייגְל מִיט אַסַאךְ נֶעסְטְן, אַלֶע פֵייגְלֶעךְ מֵיינֶען אַז דִי אֵייעֶר זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, בִּיז דִי פֵייגְל, דִי עֶכְטֶע מַאמֶע - גֶעבְּט אַ פַּייף, אוּן וֶוען דִי אַלֶע גֶעבּוֹירֶענֶע פֵייגְלֶעךְ הֶערְן דִי פַּייף הֵייבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיף פוּן זֵייעֶר נֶעסְט אוּן פְלִיעֶן מִיט דִי עֶכְטֶע מַאמֶע.

רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס: **"וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן מְעַט לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ אֵיזֶה רֶמֶז מֵעִנְיַן גְּדֻלַּת עֵסֶק הַנְהָגַת שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם הָעוֹלָם"**, דִי נִמְשַׁל פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין דִי וָואס ווֵייסְן ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט זַיינֶע מְקוּרָבִים; דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּ לוֹיפְן פוּן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת׳ן צוּם רֶבִּי׳ן, דִי אַלֶע זֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס מֶענְטְשְׁן, דִי בַּאלַאנְגֶען צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי גֶעשְׁטַארְקְט, זֵיי פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען גֶעלֶעגְן, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֵייסְט.

אִינְדְרוֹיסְן מֵיינְט מֶען אַז זֵיי בַּאלַאנְגֶען צוּ אַנְדֶערֶע פֵייגְלֶעךְ, צוּ דֶעם רֶבִּי׳ן, צוּ דֶעם מְפֻרְסָם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי דֶעם רֶבִּינְ׳ס אֵייעֶר, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אֵיין פַּייף, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): **"הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל"**, מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, **"אִישׁ לֹא יֵעָדֵר"**, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן, - קוּמֶען אַלֶע קַיין אוּמַאן; **אַלֶע לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרֶע נֶעסְטְן אוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## א מעשה פון הפצה

קרעדיט: שלום אלי' אינדיג.

ברוך השם אז דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען צו זיין א מלמד פאר קינדער.

איין טאג האט מיר געכאפט א פוילקייט אין מיינע ביינער, איך האב מיר געוואלט אויפפרישן, נו וויאזוי קען מען זיך אויפפרישן? "הפצה".

איך לאז מיך ארויס אויף די גאסן, צו גיין הפצה, איך קום אן צו א בית המדרש און איך זעה דארט דער רבי מיט די חסידים זענען אין שול, איך טראכט צו מיר ס'איז דאך א געוואלדיגע געלעגענהייט צו מזכה זיין דעם רבי'ן מיט א ספר, אז דער רבי' וועט געוואר ווערן פון די עצות, קענען דאך נאך הונדערטער פון זיינע חסידים מקורב ווערן.

קודם האב איך געגעבן פאר אפאר פון די חסידים, ספרים און קונטרסים, איך האב אבער אויך געוואלט אנקומען צו געבן פארן רבי'ן אליין, אבער דער גבאי' האט געזאגט אז איך וועל דארפן נאךווארטן היפש לאנג צו קענען אנקומען אינעווייניג אין שטוב פונעם רבי'ן.

וואס טוה איך דא? זאל איך ווארטן אדער אוועק גיין פון דא?

למעשה דער גבאי האט געזעהן די ספרים וואס איך האב, און ער זאגט מיר איך זאל נישט געבן פארן רבי'ן די ספרים, די רבי האט שוין די אלע זאכן.

ביים סוף איז דער רבי ארויס געקומען און איך האב אים אהין געגעבן א ברסלב'ע לוח, און ער רופט זיך אן צו מיר: "אה איך האב פונקט געדארפט א לוח".

דער רבי רופט זיך אן צו מיר: מען דארף געבן געלט פאר דעם? האב איך אים געזאגט אז מען קען געבן צדקה, און ער האט מיר געגעבן א שיינע סכום געלט.

שכח אייבערשטער פאר די זכיה פון קענען מזכה זיין דעם רבי'ן און נאך אסאך אידן מיט קונטרסים פון הייליגן רבי'ן.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## ברסלב סענטער'ס "מתנה קארטל" - בעסטע געשאַנק צו געבן




שטייענדיג אין די ערב חנוכה טעג, ווען מען גרייט זיך צו פייערן דעם פרייליכן יום טוב חנוכה, איז "ברסלב סענטער" פרייליך צו מעלדן פאר אנשי שלומינו, אז נאך דעם גרויסן פארלאנג פון באזוכער אויפן וועבסייט, האט מען ב"ה באוויזן אהערצושטעלן א "מתנה קארטל" (גיפט קאַרד) וואס מ'קען קויפן אויפן וועבסייט, וואס מען קען שיקן אלץ א מתנה, אדער הכרת הטוב צו משפחה, פריינט און באקאנטע.

ער קען דאס נעמען און נוצן צו קויפן אלצדינג אויפן וועבסייט, אנגעהויבן פון די פולע הונדערטער קונטרסים, ספרים, בילדער, סידיס, און נאך. אויף אידיש, ענגליש, אדער לשון הקודש. דאס איז א מתנה וואס וועט טוישן זיין לעבן, פאר די פאר דאלער, וועט ער געוואר ווערן אז דער באשעפער האט אים אויך ליב, דער באשעפערווארט אויף אים אויך, און אז דער באשעפער האט פון אים אויך נישט פארגעסן. ער וועט באקומען חיזוק און חיות ווייטער אנצוגיין, און זיין פרייליך מיט אלע גוטע מתנות וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן אין לעבן.

# בילדער פון קרן הדפסה



מען גרייט אן די גליונות ארויסצושיקן פאר אלע מפיצים



מען פאררעכט איינע פון די מאשינען אין בית הדפוס



נייע סעטס ליקוטי הלכות אנגעקומען אין הפצה סענטער ירושלים

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**מרדכי אהרן הײלפרין** קרית ברסלב
**יוסף ברילל** וויליאמסבורג
**משה גאטליב** קרית יואל
**שכנא גפן** מאנסי
**דוד דייטש** מאנסי
**מרדכי זיידענפעלד** מאנסי
**יודא אריה טורנהיים** קרית יואל
**יעקב הילל פארקאש** בארא פארק
**יואל פעדער** וויליאמסבורג
**ישראל שלום קויפמאן** קרית יואל
**מרדכי ראזענפעלד** וויליאמסבורג
**שלמה לעבאוויטש** מאנסי

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** email:**donate@kerenhadfusa.org** whatsapp: **518.966.2370**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

חלק א'

## ~ שבת פרשת וירא תשפ"ב ~

א אינגערמאן דערציילט:

איך האב געהאט די זכיה צו עסן ביים ראש ישיבה די סעודה שבת קודש וירא, ווען איך בין אנגעקומען האט מיר דער ראש ישיבה אויפגענומען מיט א פרייליכן גוט שבת, גוט שבת!

ביי די סעודה האט געגעסן איינע פון די חשוב'ע כולל אינגעלייט אין שטעטל, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו אים אז ער האט אסאך נחת פון די כולל, "אין אפיס קען איך א גאנצן טאג מיטהאלטן ווי מ'לערנט אין כולל, און איך בין זיך מחי' צו זען ווי פלייסיג מען לערנט. איך האב קעמערעס אויף אסאך פלעצער, איך קען זען וואס טוט זיך אינעם בית המדרש אין ירושלים, אזוי אויך די תלמוד תורה אין שטעטל, און נאך אסאך פלעצער, אבער די מערסטע האב איך ליב צו זען די כולל אינגעלייט לערנען".

מען האט געזינגען זמירות און דערנאך געמאכט קידוש. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געוואשן אלע קינדער, געמאכט המוציא און געטיילט חלה. דער ראש ישיבה האט געהייסן איינע פון די קינדער אריינברענגען די פיש.

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר זיין ווייב הויך אז די קינדער זאלן הערן, ווי שיין די קינדער האבן געדאוונט אין שול, און דער ראש ישיבה האט זיי געטיילט גוטע ציקערלעך פאר דעם.

נאכדעם האט מען געזינגען אזמר בשבחין, און מען האט אריינגעברענגט די זופ.

"ווער ווייסט פארוואס אברהם אבינו'ס געצעלט האט געהאט פיר טירן?" האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "כדי אז די געסט זאלן קענען אריינקומען פון אלע פיר זייטן - האבן די קינדער געענטפערט. האט דער ראש ישיבה געזאגט זייער גוט, אבער איך וועל ענק זאגן נאך א שיינע טעם פון מוהרא"ש פארוואס די געצעלט האט געהאט פיר טירן, ווייל אברהם אבינו האט אריינגעברענגט אמונה אין די וועלט, און ער האט אויסגעלערנט פאר אלע קינדער אז ס'איז נאר דא איין באשעפער אויפן וועלט, אבער די אראבער האבן מורא געהאט אז מען פארכאפט זייערע קינדער.

עס פלעגן קומען אויפגערעגטע אראבערס צו אברהם אבינו'ס געצעלט מיט מעסערס און האבן געפרעגט מיט קולות: דו רעדסט צו מיין זון פונעם אייבערשטן, דו פארכאפסט אים??! איך וויל אריינקומען קוקן אויב מיין זון איז דא! האט אים אברהם אבינו געזאגט איין מינוט, און ביזדערווייל האט ער געזאגט פאר דעם זון "לויף שנעל ארויס פון די אנדערע טיר". און ער צוריקגעקומען זאגן פארן טאטן: קענסט אריינקומען דיין זון איז נישט דא...

דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט אז מוהרא"ש האט אויך געהאט אפאר טירן, ווען א טאטע פון א בחור איז געקומען זוכן זיין זון, האט מען אים שנעל ארויסגעשיקט פון די אנדערע טיר, און אריינגערופן דעם טאטן, און געוויזן אז זיין זון איז נישט דא. אזוי אויך די בנין פונעם ראש ישיבה'ס הויז האט צוויי טירן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "ווען דער דיין שליט"א איז געווען א יונגער בחור פלעגט ער קומען שבת נאכמיטאג לערנען מיט מיר. איין שבת נאכמיטאג זענען זיינע ברודערס געקומען קלאפן אויפן טיר און געפרעגט שטרענגערהייט אויב זייער ברודער איז דארט. (דער ראש ישיבה האט עס אראפגעלייגט דראמאטיש) 'די דשאנדארן זענען געקומען קלאפן אויפן טיר און געשריגן עפענט אויף די טיר', האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט ענק קענט אריינקומען קוקן... דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר'ן דיין ער זאל זיך באהאלטן און ער איז שנעל געלאפן זיך באהאלטן אונטער א בעט, און ווען זיי זענען אריינגעקומען האבן זיי אים טאקע נישט געטראפן."

ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען האט דער דיין שליט"א נישט געוואלט זיי זאלן זען ווי ער קומט ארויס פון די בילדינג, איז ער אראפגעגאנגען צום בעיסמענט און ער איז אויסגעגאנגען פון א זייטיגע טיר, אבער זיי זענען די גאנצע צייט דארט געשטאנען און געווארט ביז ער וועט ארויסקומען, און... צום סוף האבן זיי אים געכאפט! און ליידער אים געגעבן שלעק לא עלינו.

די קינדער האבן זיך צוגעהערט פארגאפט צו די מעשה, און זיי רופן זיך אן": ווער האט אים געשלאגן? און פארוואס? האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז מענטשן האבן אים געשלאגן ווייל זיי ווילן נישט אז זייערע קינדער זאלן ווערן פארכאפט און אנהייבן רעדן צו די אייבערשטער.

איינער פון די ראש ישיבה'ס קינדער האבן געפרעגט א קלוגע קשיא; די אלע מענטשן וואס רעדן נישט צו די אייבערשטער, וואס טוען זיי ווען זיי דארפן עפעס? האט דער ראש ישיבה געענטפערט, 'וואס זיי טוען? זיי שרייען און זיי קריגן זיך'.

המשך קומענדיגע וואך אי"ה

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א



בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל'; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין קַיין שׁוּם אַנְדֶערְע סֵפֶר אַזאַ גֶעטְלִיכְקֵייט ווִי עֶס אִיז דָא אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר. אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוְון פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוְון אִין אִידִישׁ - דָאס זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן תֵּירוּצִים אוֹיף אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת, אוּן חִיזוּקִים אוֹיף אַלֶע סָארְט אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וָואס דוּ גֵייסְט אַדוּרְךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי בְּרִיוְון - נִישְׁט מִיט טִינְט נָאר מִיט בְּלוּט פוּן זַיין רֵיינֶע הַארְץ צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע בְּרִיוְון אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן **פַאר אוּנְז בִּפְרָטִיּוּת**, אַז מִיר וֶועלְן דָאס לֶערְנֶען וֶועלְן מִיר זַיין מְחוּזָּק אוּן זִיךְ פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אַלְץ קִינְד הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן אִיךְ פְלֶעג וֶוערְן דֶערְפוּן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט נָאכְמַאכְן אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיךְ פְלֶעג לֵיינֶען פוּן צַדִּיקִים. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן גֶעפִירְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קְלֵיין סֵפֶרְ'ל **'אֲשֶׁר בַּנַּחַל - חֵלֶק כז'!** אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי בְּרִיוְון, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר אַן עֶקְסְטֶערֶע נֵס, וַוייל מִיר הָאט מֶען אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען דִי סְפָרִים אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים וְכוּ' וְכוּ'.

לְמַעֲשֶׂה פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר אִין מַיין הַאנְט הֶער אִיךְ נִישְׁט אוֹיף דָאס צוּ לֶערְנֶען; דֶער סֵפֶר הָאט מִיר אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ הָאבּ טֶעגְלִיךְ דוּרְכְגֶעלֵיינְט דֶעם גַאנְצְן בַּאנְד. **אִיךְ פְלֶעג זִיצְן פַארְגְלִיוֶוערְט אוּן פַארְפְרוֹירְן** בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעלֵיינְט, עֶס פְלֶעגְט מִיר רִינֶען טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן בִּשְׁעַתְ'ן לֵיינֶען דֶעם סֵפֶר. מַיין וַוייבּ פְלֶעגְט מִיר פְרֶעגְן: "וָואס שְׁטֵייט דָארְט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר וֶוען דוּ לֵיינְסְט דָאס?" אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז מִיר הָאט מוֹרָא'דִיג אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי בְּרִיוְון, וַוייל דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז: **"אִיךְ קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ זוּכְסְט חִיזוּק אוּן דוּ ווִילְסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּרִיוְון אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל כְּסִדְרָן דַוְקָא אוֹיפְן קוֹל מִיט אַ חַיּוּת, אַז דִי ווֶערְטֶער זָאלְן אַרַיין גֵיין אִין דַיין הַארְץ.

נֶעכְטְן רוּפְט מִיר אָן אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן פְרֶעגְט מִיר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווִי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען?" זָאג אִיךְ אִים: "נֶעם אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן זָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג; דָאס וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה", זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ זָאג שׁוֹין יָארְן מִשְׁנַיּוֹת אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט!" פְרֶעג אִיךְ אִים: "דוּ זָאגְסְט יָארְן מִשְׁנַיּוֹת? וֶוען אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע מָאל וָואס דוּ הָאסְט גֶעעֶפְנְט אַ מִשְׁנַיּוֹת?!" זָאגְט עֶר מִיר: "**גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָארְן נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט קַיין מִשְׁנַיּוֹת**"; הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען טוּט דִי אַלֶע עֵצוֹת, אוּן נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין רֶעזוּלְטַאטְן קוּקְט מֶען אָן דִי אַלֶע סְגוּלוֹת ווִי פְּעוּלוֹת וָואס הֶעלְפְן נִישְׁט, וֶוען בֶּאֱמֶת טוּט מֶען דָאס נִישְׁט, מֶען מֵיינְט נָאר אַז מֶען טוּט דָאס... אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס דַארְף מֶען קוּמֶען צוּם צַדִּיק, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מֶען אִיז בְּסֵדֶר.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר ווֶערְטֶער וֶועט דִיר אַרַיין גֵיין אִין קָאפּ; דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דַיין שְׁלָאף אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

**זַיי גֶעזוּנְט.**

# א שיחה

פון דֶער

ראש ישיבה שליט"א



## התקרבות צום רבי'ן

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אין א שמועס דאנערשטאג פרשת בהר שנת תשע"ד: "ווען מיר גייען באזוכן אונזערע זיידעס, קען מען הערן פון זיי אינטערעסאנטע מעשיות וואס זיי האבן מיטגעלעבט אין זייער יוגנט, מעשיות פון די מלחמה, אדער ווי מען האט זיך מוסר נפש געווען אין אמעריקע צו היטן שבת; וואס ווען די היינטיגע אינגלייט קענען דערציילן פאר זייערע אייניקלעך?

מיר לעבן היינט אין א צייט וואס עס איז אלץ צוגעשטעלט, מען קען היטן שבת, קיינער מוז נישט ארבעטן שבת; אבער די ברסלב'ע חסידים וועלן האבן וואס צו דערציילן פאר די אייניקלעך ווי מען האט געלערנט אין א ישיבה וואס מען האט דארט אריינגעלייגט יראת שמים אין די בחורים, ווי מען האט זיך מוסר נפש געווען אהין צו גיין לערנען און אזוי ווייטער אלע שוועריקייטן וואס מען האט מיטגעמאכט ווען זיי זענען נתקרב געווארן צום רבי'ן".

* * *

איין טאג אינמיטן דעם זומער זמן תשע"ד איז אריינגעקומען א נייער בחור אין ישיבה, דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן די בחורים זיי זאלן צוגיין געבן שלום און מקרב זיין דעם נייעם בחור.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געזען ווי א בחור זעצט זיך אוועק ביי א הויפן ספרים האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן צו אים: "עס איז אריינגעקומען א נייער בחור, זיי אים מקרב!". האט דער בחור געזאגט איך האב נישט וואס צו רעדן מיט אים, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "דו מוזט טרעפן פון אונטער די ערד וואס צו שמועסן מיט אים, געדענק ווען דו ביזט אריינגעקומען אין ישיבה האב איך צוגעשיקט בחורים זאלן רעדן מיט דיר און דיר מקרב זיין".

האט מען געזען ווי עס גייט בנפשו פונעם ראש ישיבה שליט"א וואו מען קען מקרב זיין נאך א בחור צום רבי'ן, נאך א בחור זאל ווערן אן ערליכער איד.



# א מעשה
## פון א צדיק

## מעשה פון רבי נחום מטשערנאביל זי"ע

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק ר' נָחוּם פוּן טְשֶׁערְנָאבִיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד אוּן הָאט זֵייעֶר בַּאוואוּנְדֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' נָחוּם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס אִין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, עֶר פְלֶעגְט אַלְס פַארְטֵיילְן גָאר גְרוֹיסֶע סְכוּמִים פַאר אַלֶע אָרִימֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים.

אֵיינְמָאל אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אַ שְׁווִינְדְלֶער פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַן אָרִימֶער בֶּעטְלֶער - וָואס הָאט נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה צוּ דֶער נְשָׁמָה. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן דֶעם צַדִיק צְדָקָה, אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַאר הַכְנָסַת כַּלָה. בֶּאֱמֶת אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע לִיגְנְט, עֶר הָאט פָּשׁוּט בַּאאַרְבֶּעט דֶעם צַדִיק, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אָרִים, אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כַּלָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע רֵייץ פַאר גֶעלְט. אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אֲפִילוּ עֶר הָאט אַלֶעס גֶעזֶען אוּן גֶעווִיסְט, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט - נָאר אִים גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט אַזוֹי ווִי עֶר פְלֶעגְט גֶעבְּן פַאר אַלֶע אָרִימֶעלַייט.

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע סְכוּם גֶעלְט פוּנֶעם צַדִיקְ'ס שְׁטוּבּ, הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט דִי טֵייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע לַייכְטֶער וָואס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעלִיגְן אוֹיף דֶעם צַדִיקְ'ס טִישׁ, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים פַארְגְלִיסְט עֶס צוּ הָאבְּן, עֶס אִיז דָאךְ ווֶערְד גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, הָאט עֶר עֶס גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְלוֹיפְן דֶערְמִיט. דִי גַבָּאִים אוּן חֲסִידִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף זֵייעֶר רַייעֶ אַרַיינְצוּגֵיין צוּם צַדִיק; אֵיינֶער פַאר אַ בְּרָכָה, אַ צְוֵייטֶער פַאר אַן עֵצָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, הָאבְּן מִיטְגֶעהַאלְטְן ווִי עֶר הָאט גֶע'גַנְבֶ'ט דִי טֵייעֶרֶע לַייכְטֶער - הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעכַאפְּט, זֵיי הָאבְּן אִים אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גֶע'הַרְגְ'טֶע שְׁלֶעק, ווִי וַואגְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אַזוֹי גֶעמֵיין אוּן גַנְבְ'נֶען פוּן אַ צְוֵייטְן, נָאכְדֶערְצוּ פוּן אַ צַדִיקְ'ס שְׁטוּבּ?? דֶער גַנָב וָואס הָאט זִיךְ קוֹים גֶעקֶענְט רִירְן נָאכְ'ן כַאפְּן אַזֶעלְכֶע פֶּעטְשׁ הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיינֶע לֶעצְטֶע כֹּחוֹת "אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶע'גַנְבֶ'ט, ר' נָחוּם הָאט מִיר עֶס גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה". דִי חֲסִידִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וַואגְט זִיךְ צוּ זָאגְן אַזַא גְרָאבְּן לִיגְנְט, הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים "דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט?? אַזֶעלְכֶע לִיגְנְט צוּ רֶעדְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט דִיר עֶס גֶעגֶעבְּן?? דוּ בִּיסְט נִישְׁט מֶער ווִי אַ פָאלְנֶער גַנָב!! גֶעבּ שׁוֹין צוּרִיק דִי לַייכְטֶער!! אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס אַז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר עֶס גֶעגֶעבְּן בְּמַתָּנָה וָואס ווִילְט עֶטְץ פוּן מִיר הָאבְּן לָאזְט מִיר גֵיין!

דִי חֲסִידִים הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט הָאבְּן זֵיי אִים צוּגֶעבִּינְדְן מִיט שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק אוּן אִים גֶעשְׁלֶעפְּט צוּם צַדִיק מִיט דִי גֶע'גַנְבְ'טֶע לַייכְטֶער, אוּן דֶער גַנָב מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה שְׁרֵייט צוּם צַדִיק "אֱמֶת אִיר הָאט מִיר עֶס גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה?"

אַ צַדִיק, אֲפִילוּ וֶוען מֶען טוּט אִים דָאס עֶרְגְסְטֶע וֶועט עֶר אָבֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַן אַנְדֶערְן אִיד. ר' נָחוּם פוּן טְשֶׁערְנָאבִיל הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְשֶׁעמֶען דֶעם אִיד, הָאט גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן קָאפּ ווִי צוּ זָאגְן 'יָא, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן דִי לַייכְטֶער' אוּן הָאט צוּגֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם אִיד נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד אִיז שְׁנֶעל אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט, כְּדֵי נִישְׁט צוּ כַאפְּן נָאךְ שְׁלֶעק פוּן דִי גַבָּאִים.

אִין הִימְל אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעשׁ, דִי מַלְאָכִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֲפִילוּ מִיר מַלְאָכִים הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה אִין דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק וָואס נִישְׁט גֶענוּג אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ גֶעלְט פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעווִיסְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אָרִימַאן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶע'גַנְבֶ'ט דִי טֵייעֶרֶע לַייכְטֶער הָאט עֶר נָאךְ מִיטְגֶעשְׁפִּילְט מִיט דֶעם גַנָב כְּאִילוּ עֶר הָאט אִים עֶס גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אוּן הָאט אִים נָאךְ צוּגֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶעם סוּמֶע גֶעלְט.

**מוסר השכל פון פאריגע וואך**

**אלי' לאנדא - ווילייאמסבורג: מען טאר קיינמאל נישט אראקלאפן א צווייטן, נאר אלץ אויפהייבן א צווייטן איד.**



# דעם רבי'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 10

פארזעצונג פון פריער:

נָאכְ'ן רֵייזְן פִיר טֶעג, הָאט דִי שִׁיף גֶעאַנְקֶערְט בַּיים בָּארְטְן אִין אִיסְטַאנְבּוּל, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, "אִיךְ וָוארְן דִיךְ אָן אַז דוּ זָאלְסְט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶוער אִיךְ בִּין".

...

וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן, הָאט אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן גְלַייךְ דֶערְקֶענְט דֶעם ר' יִצְחָק וָואס אִיז גֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וָואס טוּסְטוּ דָא?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ פָאר מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", הָאט עֶר אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט, "וֶוער אִיז עֶר?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט אַ בִּילֶעט פוּנֶעם קָארְדַאן פוּן דִי עֶסְטְרֵייכִישֶׁע מְלוּכָה. עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן וֶוער דֶער רֶבִּי אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶעוָוארְנְט.

דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אַז דֶער רֶבִּי פָארְט פוּנֶעם קָארְדַאן צוּ מַאכְן אַ מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אוּן זַיינֶע חֲסִידִים. וַוייל דֶעמָאלְט הָאט גֶעבְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן דִי חֲסִידִים פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אוּן דִי חֲסִידִים פוּנֶעם בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע, אוּן זֵיי הָאבְּן חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ גֶעדִינְגֶענֶער שָׁלִיחַ פוּן דִי מְלוּכָה צוּ מַאכְן אַ מַחְלוֹקֶת אוֹיף רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער טָעוּת אִיז זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין קָאפּ, אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט גְרוֹיסֶע רְאָיוֹת אוֹיף דֶעם, סְ'הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ מַאכְן אַ מַחְלוֹקֶת.

זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְפָארְשְׁן ר' יִצְחָק אוֹיבּ עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען עֶפֶּעס בְּרִיוו קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז נִישְׁט. זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס עֶר פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט זַיינֶע כַּוָונוֹת.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְלָאזְן אוֹיף ר' יִצְחָק, זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר נַארְט זֵיי אוֹיס, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט, "אֲפִילוּ מִיר קֶענֶען דִיר פוּן אַמָאל פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, יֶעצְט וֵוייסְן מִיר שׁוֹין אָבֶער נִישְׁט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ עֶרְלִיךְ".

זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעפְרֶעגְט דַיין רֶבִּי'ן, רֶבִּי נַחְמָן פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע [דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין], אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט מִיטְפָארְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, זֵיי הָאבְּן אִים אָבֶער נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט, זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר צוּ מַאכְן מַחְלוֹקֶת.

זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אַלֵיין אִים אוֹיסְצוּפְרֶעגְן וֶוער עֶר אִיז, פוּן וואוּ עֶר קוּמְט, פוּן וֶועלְכֶע מִשְׁפָּחָה עֶר אִיז; עֶר הָאט זֵיי אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן. זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן וֶועגְן אַרוֹיסְצוּבַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן עֶפֶּעס אַ וָוארְט וָואס מְ'זָאל פוּן דֶעם קֶענֶען כַאפְּן וֶוער עֶר אִיז, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער אַלֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט חָכְמָה אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, עֶר הָאט זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְדְרֵייט דֶעם קָאפּ, אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט.

יֶעדֶעס מָאל הָאט זֵיי זִיךְ גֶעדַאכְט אַז עֶר אִיז אַ צְוֵוייטֶער; אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז אַ כֹּהֵן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יָא, אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי אִים פְּלוּצְלִינְג גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז אַ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט ווִידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא. הָאבְּן זֵיי אִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "נֶעכְטְן הָאסְטוּ דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַ כֹּהֵן, וִוי אַזוֹי זָאגְסְטוּ יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אַ יִשְׂרָאֵל?", הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "כֹּהֵן אִיז דִי מִדָּה פוּן חֶסֶד, אוּן יִשְׂרָאֵל אִיז אַן אַנְדֶערֶע מִדָּה, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' בֵּיידֶע מִדּוֹת".

זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז פוּן דִי חוֹלְקִים, נָאר עֶר ווִיל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶוער עֶר אִיז, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר פַּיינְט צוּ הָאבְּן, זֵיי הָאבְּן אִים זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְשֶׁעמְט מִיט אַלֶע סָארְט בִּזְיוֹנוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שֶׁעלְטְן מִיט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת פַאר אַסַאךְ טֶעג, אוּן רוֹב בִּזְיוֹנוֹת אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אֵיינֶעם פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה




# שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז נָאר דִי קוּ

אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דִי מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען זֵייעֶר קוּ אִיז טוֹיט; זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע קוּ, זֵייעֶר פַּרְנָסָה; וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין, פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער טַאטֶע, רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים; רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אַלֶע הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט טַאקֶע גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּבּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאט עֶר יָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

אַלֶע הָאבְּן גֶעוִויסְט פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן; דִי גַאנְצֶע דֶערְפְל קוּבְּלִיטְשׁ הָאבְּן גֶעקֶענְט דֶעם טֵייעֶרְן אִיד רֶבִּי אַהֲרֹן, אוֹיךְ דֶער פָּרִיץ פוּן קוּבְּלִיטְשׁ הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט אִים גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה אַ קוּ. וֶוען זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם קוּ הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן'ס וַוייבּ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, זִי הָאט גֶעזָאגְט: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער; יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועלְן מִיר מֶעלְקְן דֶעם קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן פְרִישֶׁע וַוארֶעמֶע מִילְךְ, מִיר וֶועלְן הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער".


אוֹי גֶעוַואלְד, דִי קוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן!

אֵיין אִינְדֶערְפְרִי זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער קוּ לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!"

רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים אוּן הֵייבְּט אָן טַאנְצְן: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" אַהֲרֹן - שְׁרֵייט זַיין וַוייבּ: - "וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען, פַארְוָואס טַאנְצְטוּ? דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז דֶער קוּ אִיז טוֹיט?! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?" רֶבִּי אַהֲרֹן זָאגְט אִיר: "טַאקֶע פַארְדֶעם טַאנְץ אִיךְ; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶעבְּסְט, שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק".

דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, עֶר זוּכְט דָאס גוּטְס, עֶר וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים שְׁלֶעכְט; וֶוען זַיין קַאר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ הֵייבְּט עֶר אָן טַאנְצְן: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדֶער אִיז גֶעזוּנְט", וֶוען עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ טַאנְצְט עֶר אוּן זִינְגְט: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

לָאמִיר אַלֶע צוּזַאמֶען טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען: "שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אוּנְזֶער שֵׁיינֶע לֶעבְּן!"




| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | ק | ג | ד | ק | ג | ח | ק | א | ב | י |
| צ | י | י | ט | ו | נ | ג | ת | כ | ז | ו |
| ט | נ | מ | מ | ש | ק | י | ש | ע | ג | א |
| צ | ד | ר | א | פ | ו | ע | ש | נ | ק | פ |
| ר | ע | ט | ש | ר | ע | ב | י | י | א | ט |
| ה | ר | ד | ט | כ | פ | ת | פ | י | ד | י |
| ו | כ | ט | כ | נ | ח | ש | ל | ש | ש | י |
| פ | א | ר | ל | ט | ו | ל | פ | ת | ח | ל |
| ח | ה | י | פ | ז | צ | ב | א | צ | צ | ו |
| נ | ש | ע | פ | פ | כ | ל | ו | צ | ד | נ |
| ה | ע | ר | ל | י | כ | ע | נ | ד | ת | ג |

## טרעף
די פאלגנדע ווערטער

שכח אייבערשטער
פאר אזא שיינע צייטונג
און פאר די הערליכע
קינדער אפטיילונג



## העלף נחמן נתן אנקומען צום רבי'ן







# קינדער אָפּטײלונג

## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**א. מִי שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַד שֶׁיֵּלֵךְ בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ מֵהֵיכָל אֶל הֵיכָל וְיִרְאֶה אֶת הַהֵיכָלוֹת בְּעֵינֵי הַשֵּׂכֶל, יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלּוֹמַר שֶׁקֶר אֲפִלּוּ בְּטָעוּת.**

א. וֶוער עֶס וִויל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז זַיין מַחְשָׁבָה זָאל גֵיין פוּן אֵיין הֵיכָל צוּם צְוֵוייטְן, מִיט זַיין מֹחַ אוּן שֵׂכֶל זָאל עֶר מַמָּשׁ זֶען אַלֶע הֵיכָלוֹת; זָאל עֶר זִיךְ זֵייעֶר אָפְּהִיטְן פוּן צוּ זָאגְן לִיגְנְט, אֲפִילוּ נָאר בְּטָעוּת.

# סודאקא

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | |
| | | | | 7 | | 5 | | 1 |
| 4 | | | 1 | | | | | 7 |
| 8 | 4 | 3 | | | 1 | | | |
| | | | | | 8 | | | |
| | | 9 | 7 | | | | | 5 |
| | | | 9 | | 7 | | | |
| | | | | 5 | 4 | 8 | | |
| | 8 | 4 | | 1 | 6 | 9 | | |



## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**
**יעדער איד איז מחויב צו לערנען יעדן טאג**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. שלחן ערוך
ב. א חסידישע ספר
ג. רמב״ם
ד. די שיחות פונעם רבי'ן

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:*

*שאלה:* **דער הייליגער רבי זאגט: ווער עס איז צוגעוואוינט צו שעלטן**

*ענטפער:* **איז אין עולם התהו**

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**יוסי פעלדמאן נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

# בילדער ארכיוון

## באזוך אין פארקאש טליתים פאבריק

זונטאג ויצא תשפ"ב



מען קוקט צו וויאזוי מען מאכט א טלית בייטל



ביים ווייזן א פערטיגן טלית בייטל מיטן ברסלב קרוין



מען קוקט וויאזוי מען קניפט ציצית



הערליכע בלויע געקניפטע ציצית



ביים צייגן א הערליכע פרוכת פאר א ארון קודש



ביים צייגן א הערליכע פרוכת וואס ווערט געמאכט אין די טעג

# בילדער
## אפטיילונג







קרית ברסלב ליבערטי - מצה בעקעריי
מען גיסט סעמענט ביים פלאץ וואו די מצה אויוון וועט ווערן אראפגעלייגט , אזוי אויך גרייט מען צו דעם פלאץ אינעם בנין.



נייע טישטיכער מיטן ברסלב קרוין הערליך אויפגענייעט פארן בית המדרש היכל הקודש ירושלים עיר הקודש



לחיים פון החתן משה שמואל שטעסל נ"י אין שטוב פונעם מחותן הרה"צ ר' שמעון שפירא שליט"א - מיטוואך ויצא




הערליכע סיום הלכות שבת פון די שיעור פארגעלערנט פאר די בחורים דורך הר"ר אלחנן רוטה שליט"א - די סיום איז פארגעקומען ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים - מאנטאג נאכט ויצא תשפ"ב